# חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס״, ניו-יאָרק, 1944

(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן

רעדאַקטירט פֿון ד״ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

ב.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן אַז דער טאַטע און דער פֿעטער בעני זײַנען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דאַרער, דער פֿעטער בעני — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע אַ שוואַרצער, דער פֿעטער בעני אַ געלער; דער טאַטע אַ מרה-שחורהדיקער, אַ שווײַגער, דער פֿעטער בעני אַ פֿריילעכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַ גרויסער בויגן פּאַפּיר, צעווירעט אויף קעסטלעך, שוואַרצע און ווײַסע, הייסט אַרײַנטראָגן פֿון קיך פֿאַסאָליעס, שוואַרצע און ווײַסע — דאָס וועט זײַן אַ דאָמינע.

די מאַמע איז אין קיך, פּרעגלט שמאַלץ און באַקט לאַטקעס. איך מיט מײַן ברודער מאָטל שפּילן אין דריידל: נס גדול היה שם, און דער טאַטע מיטן פֿעטער בענין זײַנען זיך אַוועק שפּילן אין דאָמינע.

— איין זאַך וועל איך דיר בעטן, בעני, — בלא חרטה ובלא דריי, דאָס הייסט: אַ גאַנג זאָל זײַן אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

—אַ גאַנג איז אַ גאַנג.— זאָגט דער פֿעטער בעני און גייט אַ גאַנג

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דער פֿעטער בעניס אַ ציגל.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פֿעטער בעני און שלאָגט אָפּ דעם טאַטנס צוויי ציגעלעך.

וואָס ווײַטער-ווײַטער לאָזן זיי זיך אַרײַן אין דעם שפּיל אַלץ טיפֿער, קײַען בשעת מעשׂה די בערד, טרייסלען מיט די פֿיס אונטערן טיש און זינגען שפּילרהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — זינגט דער טאַטע מיט אַ ניגון פֿון דער גמרא און קײַעט איין עק באָרד. — זאָל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהין. וועל איך גיין אַהין? — וועט ער גיין אַהער. באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ מין גאַנג!

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג! העלפֿט אים אונטער דער פֿעטער בעני מיטן זעלבן נוסח.

— וואָס זשע באַדאַרף איך מורא האָבן? — זינגט דער טאַטע ווײַטער. —טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ יענס ציגל? — וועל איל בײַ אים צונעמען צוויי ציגעלעך. אי וואָס? טאָמער מיינט ער מיר שלאָגן דרײַ ציגעלעך?

— דרײַ ציגעלעך, דרײַ ציגעלעך, דרײַ ציגעלעך? —העלפֿט אים אונטער דער פֿעטער בעני.

— אוי, ביסטו אַ טיפּש, בעני, אַ טיפּש און אַ גרויסער! — זינגט דער

טאַטע און גייט אַ גאַנג.

—ביסט אַליין אַ טיפּש, מײַן ברודער, און נאָך אַ גרעסערער! — זינגט דער פֿעטער בעני און גייט אַ גאַנג.

— ביסט אַליין אַ טיפּש, מײַן ברודער, און נאָך אַ גרעסערער! — זינגט דער פֿעטער בעני און גייט אַ גאַנג און פֿאַרכאַפּט זיך נאָך צוריק.

— פֿע, בעני, מיר האָבן גערעדט, אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון, און כאַפּט דעם פֿעטער בעני פֿאַר דעם האַנט.

— אַ גוטער משל! — זאָגט דער פֿעטער בעני. — כּל זמן איך האַלט אין מיטן אַ גאַנג מעג איך מיר גיין וווּהין איך וויל.

—ניין! — זאָגט דער טאַטע. — אַ גאַנג איז פֿאַרפֿאַלן! מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, בעני, בלא חרטה, בעני, בלא דריי!

— חרטה? — זאָגט דער פֿעטער בעני — וויפֿל מאָל מאַכט זיך אַז דו האָסט חרטה?

— איך —זאָגט דער טאַטע. — ע, בעני, דערפֿאַר האָב איך דאָך פֿײַנט מיט דיר צו שפּילן אין דאָמינע!

— ווער זשע נויט דיר, זאָלסט מיט מיר שפּילן?

— שוין? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פֿאַסאָלקעלע? — רופֿט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פֿון קיך מיט אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים, און נאָך איר — ברײנע מיט אַ גרויסן פֿאַלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס מיט שמאַלץ. פֿון די לאַטקעס זעצט אַ פּאַרע. אַלץ לאָזן זיך צום טיש. איך און מײַן ברודער מאָטל, וואָס האָבן זיך פֿריער אַ ביסל געקריגט , געריסן ווי די קעץ, בעטן זיך גיך איבער, ווערן שלום און זעצן זיך צו די לאַטקעס מיט גרויס כּוונה.

[די פֿאַרזעצונג קומט ווײַטער]